Historical Jewish Press (JPress) of the NLI & TAU

איזא קרעמער אין א אידישער אפערעטע

„דאס ליד פון דער געטא" אין דעם נעשאנעל טעאטער.

פון אב. קאהאן

איזא קרעמער אויף דער אידישער ביהנע. איזא קרעמער אלס די הויפּטהעלדין אין א אידישער אפערעטע. דאס איז א גאנץ אונגעוועהנליכע נייעס, א סענסאציאנעלע נייעס. איזא קרעמער איז איינע פון די בארימטסטע און באליבטסטע קופּלעטען־זינגערינס איבער דער גאנצער וועלט.

אנגעפאנגען האט זי איהר קאריערע אין אדעס און טאקע אין אן אפערעטע, אבער אין א רוסישע. דערנאך איז זי איבערגעגאנגען אויף דעם קאנצערט־סטיידזש. זי האט געזונגען רוסישע לידער און געמאכט אן אומגעהויערען „היט", דערנאך האט זי אין איהר רעפּערטואר אריינגענומען פראנצויזישע לידער, איטאליענישע לידער, דייטשע, רומענישע און שפּעטער — אידישע. אין וועלכען לאנד זי פלעגט קומען האט א ריזיגער עולם מיט אומגעדולד ערווארט איהרע פארשטעלונגען. אומעטום האט זי ארויסגערופען די גרעסטע באגייסטערונג.

אום צו געבען א ביישפּיל פון דעם צויבער, וואס איהר זינגען האט געהאט איפ'ן עולם, וועט זיין גענוג צו ברענגען דעם פאלגענדען פאקט: די טערקען און גריכען, וואס וואוינען אין קאנסטאנטינאפאל, פלעגען נאכזינגען איהר אידיש ליד „לאמיר זיך איבערבעטען" טאקע אויף אידיש. זיי האבען זיך אויסגעלערנט די ווערטער און ווען איזא קרעמער פלעגט ארויפקומען אויף דער ביהנע, פלעגען זיי שרייען צו איהר די אידישע ווערטער מיט א טערקישען אדער גריכישען אקצענט: „לאמיר זיך איבערבעטען"! „לאמיר זיך איבערבעטען"!

ענדליך איז איזא קרעמער געקומען קיין אמעריקע און מיר האבען אלע געפיהלט דעם צויבער פון איהר זינגען און שפּילען אויף דער ביהנע. איך ברויך דא דעם ווארט „שפּילען", ווייל איזא קרעמער איז ניט בלאס א זינגערין. זינגענדיג מאכט זי מינעס, האוואיעס און אויך באוועגונגען מיט די הענט און מיט דעם גאנצען קערפּער, וועלכע שאפען פיגורען, דריקען אויס דעם אינהאלט פון די סצענעס, וועלכע זי שטעלט פאר. עס קומען ארויס אומבאשרייבליכע בילדער. די שוישפּילער־קראפט ווערט צוזאמענגענאסען מיט דעם אומגעהויערען חן פון איהר ביהנע פערזענליכקייט און פון איהר זינגען. פאר אונז, אידען, אידישע אידען פון דער אלטער היים, איז אימער געווען אנגענעם צו הערען איהרע אידישע לידער. דעם, וואס שרייבט דיזע שורות, וואלט קיין מאל נישט מיאוס געווארען צו הערען ווי זי זינגט און שפּילט „מחותנים געהען", „לאמיר זיך איבערבעטען" און ביי א טוץ אנדערע אידישע לידער. איהר חן איז אן אייגנארטיגער, אן אומפארגלייכליכער. ער דרינגט דורך איהר געזאנג, איהרע מאניערען. ער דרינגט דורך דער גאנצער איזא קרעמער. עס איז אבער ניט בלויז חן, עס איז א חן, וואס איז די נשמה פון קונסט, טאלאנט. ווען איך האב איהר געהערט דעם ערשטען מאל, האב איך ניט ווילענדיג אויסגערופען: „קיין וואונדער ניט וואס זי איז אזוי פאפּולער און באליבט און בארימט!"

די נאכריכט, אז זי וועט אנטייל נעמען אין א אידישער פיעסע, איז געווען א גרויסער ווילקאמענער סורפּריז. איך בין מיט פרייד געגאנגען זעהן די פיעסע „דאס ליד פון דער געטא", אין וועלכער זי שפּילט די הויפּט ראלע. און ווען זי האט זיך באוויזען אויף דער ביהנע זיינען מיינע אפּלאדיסמענטען געווען פון די קרעפטיגסטע און באגייסטערטסטע. דער גאנצער עולם האט איהר אויפגענומען מיט שטורמישע אפּלאדיסמענטען און מיט א מערקווירדיגער באגייסטערונג.

איינע פון די זאכען, מיט וועלכע זי צייכענט זיך אימער אויס, זיינען די קאסטיומען, וואס זי טראגט אויף דער ביהנע. ווידער א מערקווירדיגער חן. אין דיזער פיעסע האט זי זיך באוויזען צוערשט אין א קלייד פון זילבער און דערנאך אין א קלייד פון טיף־שווארצע, גלענצענד־שווארצע שטאף — פון א ספּעציעלען סארט אטלאס. די קליידער זיינען אבער ניט מעהר ווי א „פּיטשור" פון איהר גאנצען „מעיק־אפּ". זי איז אין גאנצען אנגעטאן אין גראציע און חנ'עוודיגקייט.

אז זי שפּילט איהר ראלע גלענצענד אין דער אפערעטע, איז איבעריג צו זאגען. אנדערש ווי גלענצענד קען איזא קרעמער ניט שפּילען — גלענצענד און צויבערפול.

אבער א חוץ דעם, זינגט זי נאך אייניגע פון די אידישע לידער, מיט וועלכע זי איז בארימט איבער דער גאנצער וועלט, אט טאקע די דערמאנטע „לאמיר זיך איבערבעטען", נאך א אידישע ליד, אן איטאליענישע ליד און א רומענישע ליד.

אין דער פיעסע שפּילט זי די ראלע פון א אידישער מיידעל מיט דעם נאמען מירעלע, וועלכע איז געווארען א בארימטע זינגערין אין דייטשלאנד. אלס זינגערין איז זי באקאנט אונטער דעם נאמען מאריצא. אין איהר איז פארליבט א יונגערמאן, א סימפּאטישער דייטש מיט דעם נאמען וויקטאר. די ראלע ווערט געשפּילט פון מוני סערעבראוו, וועלכער האלט זיך זעהר שעהן. מיט זיין אויסזעהן און מיט זיין שפּילען איז ער א ווירדיגע און אינטערעסאנטע פיגור און פאסט זיך פולשטענדיג צו דעם געדאנק, אז ער איז פארליבט אין מאריצא'ן.

אין דער פיעסע באטייליגט זיך אויך לעאן גאלד, וועלכער מאכט אימער א זעהר אנגענעמען איינדרוק מיט זיין שטימע און מיט זיין זינגען. ער איז איינער פון די בעסטע זינגער, וואס מיר האבען היינט אויף דער אידישער ביהנע. אין דער פיעסע הייסט ער אלטערל, אן אלטמאדישער יונגערמאן מיט פּאות'ן און מיט א יארמולקע. אלטערל איז מאריצא'ס א שוועסטער־קינד.

פאראן אין דער פיעסע נאטירליך אויך אן אינטריגע, א פּלאנטער. אן אנטיסעמיטישער אפיצער ליבט זיך אין דער בארימטער מאריצא'ן. זי ליבט אבער וויקטאר'ן און זי לאזט דעם אפיצער צו זיך ניט צו. נעמט ער איהר איבער־גוואלד ארום און הויבט איהר אן צו קושען. נו, שטעהט דאן גראד דערביי א יונגערמאן מיט א פאטאגראפישען אפּאראט און ער נעמט א בילד פון דער סצענע ווי דער אפיצער קושט די זינגערין. מען ווייזט וויקטאר'ן די פאטאגראפיע. אויך פארשפּרייט דער אפיצער די נאכריכט, אז מאריצא איז א אידיש קינד און ער אגיטירט, אז מען זאל איהר פארטרייבען פון דייטשלאנד.

דער פּלאנטער ווערט אבער אפּגעפּלאנטערט. וויקטאר דערוויסט זיך דעם אמת, אז זי איז איהם טריי, און עס ענדיגט זיך ווי אלע אפּערעטעס ענדיגען זיך — לוסטיג און לעבעדיג. עס זיינען אויך פאראן א סך שפּאסען, אבער די גאנצע אפּערעטע איז אנגעדריידעלט אויף דעם געוועהנליכען אפּערעטען שטייגער.

מיר האבען א צוויי דריי־אפּערעטען שרייבער אין דער אידישער טעאטער־וועלט, און עס דאכט זיך אייך, אז זיי נעמען אימער איינער ביי דעם אנדערען און אז אלע צוזאמען נעמען זיי פון אלטע פארשימעלטע שונד־קוואלען.

וועגען מייסטע אונזערע אפּערעטקעס קען מען אנווענדען דעם כלל: „אלע יונים האבען איין פנים". עס דאכט זיך אייך, אז איהר האט עס שוין געזעהן א הונדערט מאל, און אז דעם ערשטען מאל ווען איר האט עס געזעהן האט איהר געפיהלט, אז דער סוזשעט איז גענומען געווארען פון עפּעס א ביליגען „ערגעץ־וואו". וועגען דער אפּערעטע אין אלגעמיין גענומען איז אלזא ניטא וואס צו רעדען. ווען איהר וועט אבער איהר באטראכטען אלס א מיש־מאש פון פארשיידענע סצענעס און סצענקעס, וועט איהר קענען זאגען מיט דעם גאנצען הארצען, אז מען אמוזירט זיך פון דער פיעסע גאנץ געשמאק. עס איז פרעהליך, עס איז לוסטיג. איהר זייט ניט אין קיין קריטישער שטימונג, ווארים וואס איז דא צו קריטיקירען? איהר נעמט אן יעדען געזאנג באזונדער, יעדען טאנץ באזונדער און יעדע שטיקעל שפּאס באזונדער. איהר באטראכט די גאנצע געשיכטע אלס סתם ענטערטעינמענט, און אלס אזעלכעס פארשאפט עס אייך א סך פארגעניגען.

פאראן אין דער אפּערעטע א סך גוטע מוזיק, און א ספּעציעלען קאמפּלימענט קומט א. אלשאנעצקי'ן, דעם קאמפּאזיטאר און דיריגענט. א סך צערטליכע, העכסט אנגענעהמע מוזיק, וועלכע לאזט אייך איבער אין א פיינע, אידעלע מוזיקאלישע שטימונג.

לאכען, לאכט איהר אלע ווייל. ניט זעלטען קומט דער געלעכטער פון וואולגארע סצענקעס, אבער אזוי ווי איהר זייט ניט אין קיין קריטישער שטימונג, גיט איהר זיך איבער צו דעם צייט־פארטרייב פון שפּאס, פון גוטע געזאנג און פון אלערליי שטיפערייען. איהר לאזט זיך שווימען איבער כוואליעס פון לייכטזיניגקייט און לייכטהארציגקייט. און די מערקווירדיגע איזא קרעמער שיינט דורך דעם אלעם ווי א זון־בלום, פול מיט חן און טאלאנט.

יעטא צווערלינג שפּילט די ראלע פון חיה שפּרינצע, א דינסט ביי א אידישען באלעבאס. דיזע שוישפּילערין איז אן אמת'ער וואולקאן פון טעמפּעראמענט. זי רוהט ניט, זי פלאקערט. און דער עולם האט הנאה. אפשר שוין אביסעל צופיל טעמפּעראמענט, צופיל יעטא צווערלינג. איהרע ליפּען, איהרע פיס, איהר שטימע, איהרע הענט ארבייטען מעשים. ניטא ביי זיי קיין „סלעק" אויף איין סעקונדע. דורכ'ן געדאנק פליהט אמאל דורך דער ווארט „וואולגאר", אבער גראד אין דעם מאמענט זעצט ארויס א הילכיגער געלעכטער פון דעם טעאטער־עולם, און איהר קלערט זיך, אז אימיצער האט דא א טעות, ענטוועדער איהר אדער דער טעאטער־עולם. און איהר פּסק'נט ביי זיך אז דאס „ווערטע פּובליקום" האט קיינמאל קיין טעות ניט.

איינע פון די גוטע געזאנגען, מיט וועלכע דיזע פיעסע איז רייך, באקומט מען פון מרים פיין, וועלכע האט די ראלע פון א באלעבאטישער טאכטער, א בת יחידה אין מאריצא'ס געבורט שטעטעל. זי האלט זיך אנגענעם און זי זינגט אנגענעם.

בעטי דזשייקאבס האט א קאמישע ראלע, אלס קארטען־ווארפערין. ווי אימער, שפּילט זי מיט איהר ספּעציעלען חן, וועלכער לאזט איבער אן אנגענעמען איינדרוק. עס מאכט ניט אויס צי די ראלע האט א טעם, צי ניט.

דזשייקאב דזשייקאבס איז דער וויכטיגער קאמיקער אין דער פיעסע און ער שאפט א סך געלעכטער.

אננא טייטעלבאום האט די ראלע אלס וויקטאר'ס מוטער — אן אריסטאקראטישע דאמע מיט גראהע האר און מיט פיינע ווירדיגע מאניערען. דיזען בילד שאפט אננא טייטעלבאום אויף זעהר א געראטענעם שטייגער.

מאריס קראנער שפּילט די ראלע פון א באלעבאטישען איד, חאצקעל, א ראש הקהל. ער איז דער פאטער פון דער בת יחידה אסתר'ל (מרים פיין). די ראלע איז פון דעם סארט, וועלכען איהר זעהט אין אלע אפּערעטען. ער שפּילט אבער ניט שלעכט.

גאלדע אייזמאן שפּילט אלס זשאנעט, די טאכטער פון דער קארטען־ווארפערין. מען זעהט איהר אויף דער ביהנע גאנץ אפט. זי שפּרינגט, זי טאנצט, זי לאכט, זי שטיפט. זי איז אלרייט.

עס נעמען אויך אנטייל היימאן ראזאפּארט, אייבי גראס און סימאר רעכטצייט.